NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13435

RIKI-TIKI-TAVI

Rudyard Kipling

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-13435-X

9780657134358T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ר. הפלינג

ריק־סיק־טאוו

[82-93]

ר. קיפּלינג

ריקי-טיקי-טאווי

אידיש — ח. ליומקיס

INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.
YIVO

קאאפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע“
קיעוו—1924

הילע און צייכענונגען

פון קינסטלער מ. עפשטיין

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק"

4-טע דרוק. וואָראָווסקעס גאַס 42.

באַשט. № 2977 געדרוקט 3000.

ע. ד. פ. 4150 קיעוו)

ריקי־טיקי־טאווי

ריקי־טיקי שטעלט זיך מוטיק
פאַר דער נאָרע פון די נאגן
און מיט אויגן, רויט און בלוטיק,
קוקט ער שרעקלאָז א.ן מיט וואַגן.

— קום נאָר, נאג, באַווייז דיין גלאַנץ,
טאַנץ דעם מאַל׳ך־האמאָוועס־טאַנץ! —

שטעלן ביידע זיך אנקעגן,
— הויב־אָן, נאג! —
פליען, דרייען זיך אין ראָד.
— גיכער, נאַג!
איינער מוז שוין בלייבן ליגן.
— היט זיך, נאג!
אָט אַ פעלער מאכט ער גראד.
— אויס שוין נאג!

I

דאָס איז די געשיכטע פון דער גרויסער מילכאָמע, וואָס ריקי־טיקי־טאווי האָט געפירט איינס אַף איינס מיט די נאגן, אין וואש־צימער פונם גרויסן הויז, אינם גרויסן לאַנד אינדיע. דארזי, דער שניידער־פויגל, האָט אים מיטגעהאָלפן און טשוטשושונדרע, די מוסקוס־מויז, האָט אים אייצעס געגעבן, כאָטש זי האָט שטענדיק נאָר געטוליעט זיך צו דער וואַנט און האָט קיינמאָל ניט דערוועגט זיך אַרויסטרעטן אפן מיט פונם צימער.

אבער פירן די מילכאמע האט ער געפירט איינער אליין, מיט זיינע אייגענע קויכעס.

ריקי־טיקי־טאווי איז געווען א מאנגוס. ער האָט געהאַט אזא רוקן און אזא וויידעלע, ווי בא א קעצל; מיטן קאָפ אָבער און מיט זיינע באוועגונגען איז ער געווען ענלאך צו א וויזעלע. ער האָט געהאט ראָזיקע אויגן און א ראָזיק נעזל, האָט געקאָנט בעריעש זיך אַ קראַץ־טאָן וואו ער האָט נאָר געוואָלט און מיט וואָסער א לאַפּקע ער האָט נאָר געוואָלט — מיט אַ פעדערשטער צי מיט א הינטערשטער. ער האָט אויך געקאָנט צעבלאָזן זיין וויידעלע ווי א לאָמפּן־בערשטל.

— ריקי־טיקי־טיקי־טשיק! — פלעג ער אויסשרייען, ווען ער פלעג לויפן איבערן הויכן געדיכטן גראָז.

דאָס איז געווען זיין שלאַג־רוף.

איינמאָל אין א זומער־טאָג האָט אים אַ שלאגס־רעגן אַרויסגעשווינקט פון זיין נארע, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין טאַטע־מאמע, און האָט אים פאַרטראָגן אין א גראבן, וואָס באַם וועג. געטראָגן מיטן שטראָם, האָט ער

געבריקעוועט און געקוויטשעט, ביז ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ בינטל גראָז, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַסער, און איז געבליבן ליגן אַ פאַרכאַלעשטער.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערזען ליגן אַף אַ סטעזשקע אין גאָרטן, אונטער הייסע זונען־שטראַלן, און עפּעס אַ אינגעלע בויגט זיך אָן איבער אים און זאָגט:

— געשטאָרבן, נעבאַך, דאָס מאַנגוסל. מע דאַרף עס באַגראָבן.

— וואַרט נאָר אויס! — האָט דעם אינגעלעס מוטער געזאָגט — לאָמיר אים בעסער אין שטוב אַרײַנטראָגן. ער וועט זיך אויסטרוקענען, וועט ער עפּשער אופלעבן.

מע האָט דעם מאַנגוס אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַרײַן. אַ הויכער מענטש — דעם אינגעלעס פאָטער, אַן אײַנגלענדער, — האָט אים גענומען אַף די הענט, באַטראַכט און געזאָגט, אַז ער איז ניט געשטאָרבן — ער האָט זיך נאָר פאַרכלינעט. האָט מען אים אין וואַטע אײַנגעוויקלט און אָנגעוואַרעמט. דער מאַנגוס האָט געעפנט די אויגן און האָט אַ ניס־געטאָן.

— איצט לאָמיר אים ניט שרעקן — האָט דער מענטש געזאָגט, — לאָמיר נאָר זען, וואָס וועט ער עפּעס טאָן.

איבערשרעקן אַ מאַנגוס איז אָבער ניט פון די גרינגע זאַכן, ווײַל דורך און דורך, מיט לײַב און לעבן, איז ער דורכגעדרונגען מיט נײַגעריקייט. „לויף און זוך" — דאָס איז דער קלאַל אין לעבן פון יעדן מאַנגוס. דאָס איז דער געבאָט, וואָס איז אויסגעקריצט אַף די טאָוולען פונם שײַוועט מאַנגוסן. און ריקי־טיקי איז געווען אַן עמעסער מאַנגוס. געקומען צו זיך, האָט ער צום אַלעם ערשטן אַ פּרואוו־געטאָן די וואַטע, איז זי אים באַלד ניט געפעלן געוואָרן. איז ער אַוועקגעלאָפן צום טיש, זיך צוגעזעצט, אַ קראַץ־געטאָן זיך מיט דער לאַפּקע און איז אַרופגעשפרונגען צום אינגעלע אַפן אַקסל.

— האָב נישט מוירע, טעדי, — האָט געזאָגט די מוטער — דאָס וויל ער זיך מיט דיר באַקענען.

— אוי, ער קיצלט זיך! — האָט געשריגן טעדי.

ריקי־טיקי האָט אַרײַנגעקוקט טעדין אין קאָלנער, אַ שמעק־געטאָן זײַן אויער, נאָכדעם האָט ער זיך אַראָפּגעדראַפּעט, זיך אַוועקגעזעצט אַף דער ערד און גענומען ווישן דאָס נעזל.

— דאָס איז אויך מיר אַ ווילד כאַיעלע! — האָט געזאָגט די פרוי, — ער האַלט זיך דאָך אזוי היימיש! איך מיין, דאָס איז עפּשער דערפאר, ווייל מיר האָבן אים געראַטעוועט פון טויט.

— אַלע מאַנגוסן זיינען אזוינע, — האָט געזאָגט דער מאַן. — טעדי זאָל אים ניט זעצן אין שטייג און זאָל אים ניט שלעפּן באַם ווידעלע. דענסטמאָל וועט ער זיך פילן פריי און וועט אומלויפן איבערן שטוב. גיב אים נאָר דער־ווייל עפּעס עסן.

מע האָט דערלאַנגט דעם מאנגוס רוי פלייש — אַ קליין שטיקעלע. ריקי־טיקי האט זייער ליב געהאט רוי פלייש. האָט ער אָפּגעגעסן און איז ארויס אַף דער וועראנדע, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן דער זון און צעפּודלט די האָר, קעדיי זיי זאָלן זיך גוט אויסטרוקענען. דענסטמאָל האָט ער זיך דערפילט גאָר אופגעלייגט.

— אַזוי פיל כידושים איז דאָ פאראַן, — טראַכט זיך ריקי־טיקי, — מיינע לייט האבן מיסטאם אף זייער לעבן אַזוינע זאכן ניט אנגעקוקט. מע דארף זיך דאָ באַזעצן און באַקוקן דאָס הויז.

אַגאַנצן טאָג האָט ער געהאלטן אין איין אומבלאָנקען איבערן שטוב. אומע־טום איז ער אויסגעוועזן און אלצדינג האָט ער נייגעריק באַטראַכט. אָט האָט ער אריינגעשטעקט דאָס נעזל אין טינטער אפן שרייב־טיש, און אָט איז ער שיר ניט אַריינגעפאלן אין דערטרונקען געוואָרן אין אַ קרוג וואסער. ס׳איז אים טשיקאַווע געווען זעען ווי דער הויכער מענטש שרייבט, האָט ער אַרופגעקלעטערט אַף זיין אַקסל — און האָט זיך צעבריט דאָס נעזל אינם ציגאר, וואָס דער מענטש האָט גערויכערט.

אָפּדערנאָכט איז ער אריינגעלאָפן אין קינדער־צימער קוקן אַף כידושים — ווי מע צינדט אָן די גאַז־לאמפּן. אז טעדי האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער זיך פארקליבן צו אים אפן קישן. ער איז אָבער געווען זייער אומרואיק און באַם מינדסטן גערויש איז ער אַראָפּגעשפּרונגען און געלאָפן זעען וואָס טוט זיך עס.

שפּעט אין אָוונט זיינען דער פאטער מיט דער מוטער אריינגעקומען אין טעדיס צימער און האָבן געטראָפן ריקי־טיקין זיצן באַ טעדין אפן קישן — אַ וואַכנדיקן, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן.

— נו, דאָס איז מיר שוין גאָר ניט געפעלן — האָט געזאָגט די מוטער — ער קאָן נאָך, כאלילע, אַ ביס־טאָן דאָס קינד.

— ניין, ער וועט אים ניט בייסן, — האָט געזאָגט דער פאָטער. — דער דאָזיקער קליינער ריקי איז דער בעסטער שוימער פאַר טעדין — בעסער נאָך איידער א בולדאָג־הונט. ווען אין צימער זאָל ארייַנקומען א שלאַנג...

— גאָט באַהיט! — האָט די פרוי פאַרוואַרפן מיט די הענט. זי האָט גאָר ניט געוואָלט הערן וועגן אַזוינע שרעקלאַכע זאַכן.

אינדערפרי איז ריקי־טיקי געקומען אף דער וועראַנדע צום פרישטיק רייטנדיק אף טעדיס אַקסל. מע האָט אים דערלאַנגט א באַנאַן און א שטיקל געקאָכט איי. ער איז אויסגעווען בא אַלעמען אף די הענט, מיט אַלעמען האָט ער זיך באַקענט און היימעש געוואָרן, אַזוי ווי סע פאַסט פאַר א לייטישן און וואויל־דערצויגענעם מאַנגוס, וואָס וויל אַנקומען צווישן מענטשן און אַרומלויפן פון איין צימער אינעם אַנדערן. און ריקי־טיקין האָט זיין מוטער נאָך, וואָס האָט געוואוינט אַ לייַגערע צייט בא א אייַנגלישן גענעראַל, דיי צויגן אייראָפּייאיש און האָט אים געלערנט זיך פירן צווישן מענטשן לייטיש און מיט דערעכערעץ.

II

ריקי־טיקי איז ארויס באַטראַכטן דעם גאָרטן. דאָס איז געווען א הויכער, אַביסל אַ פאַרלאָזענער גאָרטן. רויזן־קוסטעס ביזן פּאַרקן די הייך זיינען דאָרט געוואַקסן, לינדן־בוימער און מאַראַנצן־בוימער, געדיכטע באַמבוקן און א גאַנצער וואַלד פון הויכן גראָז. ריקי־טיקי האָט זיך אַזש באַלעקט פון פאַרגעניגן.

— ס'אַרא טייער אָרט פאַר געיעג, — טראַכט ער זיך, און פונם דאָזיקן פרייַלאַכן געדאַנק האָט זיך אים דער וויידל צעפּודלט ווי א לאָמפּן־בערשטל. ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם גאָרטן, באַלעקט און באַשמעקט יעדער ווינקעלע.

פלוצים האָט ער דערהערט עפּעס קרעכצן אין א דאָרן־קוסט.

געקרעכצט האָבן דאַרזי, דער שניידער־פויגל, און זיין פרוי דאַרזיכע. ביידע האָבן זיי זיך אַ נעסטעלע אויסגעבויט אַף א דאָרן־צווייַגל. צוויי גרויסע בלעטער האָבן זיי מיט גראָזן־פעדים צונויפגענייט און אינמיטן מיט וואַט און פעדערלאַך אויסגעבעט. וויגט זיך אַזוי דאָס נעסטעלע אינדערלופטן און ביידע פייגעלאַך זיצן און גיסן ביטערע טרערן.

— וואָס ווייַנט איר עפּעס? — פרעגט ריקי־טיקי.

— אך, ס׳איז אונז שלעכט — זאָגט דאַרזי, — ס׳האט א גרויסער אומגליק געטראָפן. א פייגעלע אונזערס איז נעכטן פונם נעסטעלע ארויסגעפאלן און נאג האָט דאָס אופגעגעסן.

— טאַקע אַ ראכמאָנעס — זאָגט ריקי־טיקי — ווער־זשע, זאָגט מיר, איז דאָס אזוינער נאג? איך בין דאָ א פרעמדער און קען אים גאָר ניט.

די פייגעלאך אָבער איז שוין ניט געווען אין זינען צו ענטפערן ריקין אף זיינע שאילעס און זיי האָבן זיך גיך ארייַנגעכאפּט אין נעסטל אריין, ווייל אין דערזעלבער רעגע האָט זיך פונם הויכן גראז, צווישן די קוסטעס, דערהערט ווי עמעצער צישעט, — צישעט אזוי געדיכט און אזוי מיִירעדיק, אז סע כאפּט אָן באַם הארצן און אלע אייוורים ווערן פארגליווערט. ריקי־טיקי האָט אזש אָפּגעשפּרונגען אף א פּאָר איילן צוריק. גלייך נאָכדעם האָט זיך בעהאדראָגע באוויזן דער קאָפּ און דאס בּרייטע מיצל פון נאגן, דעם שווארצן גרויסן קאָברע־שלאנג — אוואדע פינף פוס די לייַנג*). דער שלאנג האָט אף א דריטל אופגעהויבן זיין קערפּער פון דער ערד, האָט זיך אופגעשטעלט און געגומען שאָקלען זיך הין און הער, אָט ווי ס׳שאָקלט זיך אַ בּלימעלע פונם ווינט, און האָט אָנגעשטעלט אף ריקין די בּייזע שלאנגען־אויגן, וואָס קיינמאָל בּייטן זיי ניט זייער אויסדרוק און קיינמאָל דערציילן זיי ניט וועגן די שלאנגען־געדאנקען.

— ווער איז אַזוינער בּאג, ווילסטו וויסן? — האָט געזאָגט דער שלאנג — אָט דאָס בין איך טאקע, בּאג אליין. דער גרויסער גאט בראַמאַ האָט דעמדאָזיקן שטעמפּל אף מייַנע אָוועס ארופגעלייט — פון דער צייט אָן, זינט די ערשטע קאָברע־שלאַנג האָט מיט איר מיצל פארשטעלט פון אים די זון בעאייס ער איז געשלאָפן. נאַ, קוק, און זאָל דיך אַ שרעק באפאַלן!

ער האָט נאָך שטארקער צעבּלאָזן דאָס מיצל, און ריקי־טיקי האָט דערזעען אף זיין האלדז די בּרילן־פלעקן — פונקט ווי דאָס שטאָלענע אנקערל, וואָס סע פארשפּילעט זיך אַפן שטאָלענעם איקעלע.

*) די קאָברע איז א בּרילן־שלאנג אָדער פלעקן־שלאנג, באַ פיר איילן די לייַנג, און פון איר בּיס קאָן מען שטאַרבן. אַפן האַלדז איז בּא איר פאַראן אַ צייכן אַזאַ, וואָס דערמאנט אָן בּרילן. אז זי ווערט בּייז, צעבלאָזט זי אזוי דעם האַלדז אירן, אַז סע באַקומט זיך אַ מין מיצל, וואָס די מאָנאַכן טראָגן אַפן קאָפּ. איבּערז.

ריקי־טיקין איז אַף אַ רעגע ניט היימלאַך געוואָרן, אָבער נאָר אַף אַ רעגע, ווייל אַ מאַנגוס קאָן זיך לאַנג ניט שרעקן — אַזאַ טעווע האָט ער שוין.

כאָטש ער האָט קיינמאָל ביז איצט קיין לעבעדיקע קאָברע ניט אָנגעקוקט, אָבער זיין מוטער האָט ניט איין מאָל אים געהאָדעוועט מיט טויטע, און ער האָט געוואוסט, אַז שלאָגן זיך מיט שלייַנג און אופעסן זיי — דאָס איז דער כּיוון פון יעדן דערוואַקסענעם מאַנגוס. נאָך האָט דאָס אויך געוואוסט, און דעריבער איז אין זיין קאַלט אַכזאַריעש האַרץ געוועזן אַ אימע פאַרבאָרגן.

— זייער וואויל, — האָט געזאָגט ריקי־טיקי און האָט ווידער צעפּודלט זיין וויידעלע — מיר איז אַלץ איינס, צי סע ליגט אַף דיר דער שטעמפּל פונם גאָט בראַמאַ צי ניין. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג — פרעסן קליינע פייגעלאַך, וואָס פאַלן אַרויס פון נעסט?

נאָג איילט זיך ניט צו ענטפערן. ער האָט געוואוסט, אַז דער מאַנגוס, וואָס האָט זיך באַזעצט אין גאָרטן, איז אַ טויט־געפאַר פאַר אים און פאַר זיין מישפּאָכע, און דעריבער, האָט ער זיך געטראַכט, מוז מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון אים פּאָטער ווערן. קוקט ער אַזוי אָנגעשטרייַנגט, דעם קאָפּ אָנגעבויגן אין אַ זייט, און לאָזט ניט אַראָפּ זיין בליק פונם גראָז, וואָס הינטער ריקין, און פרוּווט זיך אים פאַררעדן.

— יאָ, לאָמיר זיך דורכשמועסן, — זאָגט ער, — דו האָסט צו מיר טייַנעס אַמאַי האָב איך אופגעגעסן די פייגעלאַך. נו, און דו — אַמאַי עסטו אייעלאַך? טאָ פאַרוואָס־זשע טאָר איך ניט עסן קיין פייגעלאַך?

— קוק־צוריק! קוק־צוריק! ריקי! — האָט זיך פּלוצים צעזונגען דאַרזי.

ריקי־טיקי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אין געפאַר און אַז ער טאָר זיך ניט אומקוקן און ניט פאַרלירן קיין איין רעגע אפילע. איז ער גלייך אופגעשפּרונגען אינדערלופטן מיטן גאַנצן קויאַך און געשיקטקייט, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט. אין דערזעלבער רעגע האָט אונטן זיך דורכגעשליידערט אַ קאָפּ פון אַ שלאַנג — פון נאַגאַיכען, נאַגס בייזע פרוי. זי האָט זיך דאָס אונטערגעגאַנוועט אונטער ריקין בעאַיס ער איז געוועזן אַריינגעטאָן אינעם שמועס מיט נאַגן, און שיר־שיר וואָלט ריקי־טיקי ניט געפאַלן אַ טויטער. צישעט אָבער די שלאַנג, — איז דאָס אַ סימען, אַז די קונץ האָט זיך איר ניט איינגעגעבן.

שפרינגענדיק, האָט ריקי זיך שיר ניט געטראָפן מיט איר רוקן, און ווען ער זאָל געווען זיין אַביסל עלטער און געניטער, וואָלט ער געוואוסט, אַז פּונקט איצטאיז סאַמע די רעכטע צייט זי אָנכאַפּן מיט די ציין. איין ביס — און פּאַרטיק. האָט ער זיך אָבער דערשראָקן פאַרן שלאַנגס אָנפאַל, אַזאַ שנעלן און אַזאַ מוירעדיקן. ער האָט זי אַפילע אַ ביס־געטאָן, אָבער צו שוואַך, און איז באַלד אָפּגעשפּרונגען פון איר שליינגלענדיקן וויידל, און די שלאַנג איז געבליבן ליגן צעמאַזיקט און צעקאַסט אַף דער ערד.

— אַך, ביסטו אַן אויסוואָורף, דאַרזי! —צישעט נאַג און פּרוּווט זיך אונטערשפּרינגען פונעם גראָז צו דאַרזיס נעסט. דאַרזיס נעסט איז אָבער גענוג הויך און גענוג ווייט פון נאַגס געפערלאַכן גיפט. זי האָט זיך נאָר אַ שאָקלגעטאָן — ניט מער.

ריקי־טיקי האָט דערפילט, אַז זיינע אויגן זיינען הייס און רויט, און דאָס איז באַ אַ מאַנגוס אַ סימן, אַז ער איז שטאַרק אין כּעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף די הינטערשטע פיסלאַך, זיך אָנגעשפּאַרט אָפּן וויידעלע, פּונקט ווי אַ קליינער קענגורו, און האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און עפּעס געבורטשעט.

נאַג מיט נאַגאיכן זיינען אַוועק אין גראָז אַריין. אַז אַ שלאַנג האָט אַ דורכפאַל, רעדט ער מיט קיינעם קיין וואָרט ניט. ער ווייזט ביכלאַל קיינמאָל מיט גאָרניט אַרויס זיינע געדאַנקען און זיינע פּלענער.

ריקי־טיקין איז אַפילע אין זינען ניט געקומען נאָכיאָגן זיך נאָך זיי, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, צי ־וועט ער קאָנען זיי בייקומען ביידע מיטאַמאָל. איז ער אַוועק צום הויז אָפּן זאַמד און האָט זיך געזעצט טראַכטן וואָס ווייטער צוטאָן. די לאַגע איז געווען אַן ערנסטע.

III

אין אַלטע ביכער שטייט געשריבן, אַז ווען אַ מאַנגוס ווערט צעביסן פון אַ שלאַנג, לויפט ער אַוועק אין אַ זייט און עסט אַ גראָז אַזאַ, וואָס היילט אים אויס פונעם שלאַנגען־גיפט. דאָס איז אַ באָבע־מייסע. גוויוער זיין אין שלאַכט קאָן נאָר דער, ווער ס'האָט אַ שאַרפע ראַיע און ווער ס'האָט פלינקע פיס. אין וואָס באַשטייט דען די גוואורע זייערע? באַם שלאַנג — איינם

אנפאל, באם מאנגוס — אינם שפרונג, און כאטש די באוועגונגען פונם שלאנג זייגען אזוי שנעל, אז סע איז זיי שווער מיטן אויג צו באמערקן, ווייסט דאָך דער מאנגוס ווי אזוי פּלינק זיך אויסדרייען פון איר. דאָס איז וואונדערלאכער פון יעדן וואונדער־גראז, וואס היילט אויס פון שלאנגען־גיפט.

ריקי־טיקי האָט גוט געוואוסט, אַז ער איז נאָך אַ יונגער מאנגוס, און דערפאר איז ער אזוי צופרידן געווען, וואָס ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן זיך ארויסדרייען פון נאגאיכען. דאס האָט אים צוגעגעבן זיכערקייט און מוט, און אז טעדי איז אָנגעקומען, האָט ער געלאָזט זיך לאשטשען און גלעטן.

נאָר־וואָס טעדי האָט זיך אנגעבויגן, האָט פלוצים עפּעס אַ בלישטשע־געטאָן אין זאמד, ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטילער געדויש, און אַ דינינקער קאָל האָט געוואָרנט: — היט זיך! איך בין — טויט!

קאראַיט איז דאָס געווען, דאָס אש־גרויע שלייגגל, וואס האלט זיך אוף ס׳ראוו אף אַ זאמדיקן באָדן. איר גיפט איז פונקט אַזוי מעסוקן, ווי דער גיפט פון אַ קאברע. אַ קלייגס איז זי אָבער, קאָם וואָס מע באמערקט זי מיטן אויג, און דעריבער — געפערלאכער נאך פון דער קאברע, און פיל מענטשן קומען טאקע אום דורך איר.

ריקי־טיקיס אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער איז צוגעקר־מען צו קאראַיטן מיט אַ טאנץ און מיט אַ שפּרונג, הוידענדיק זיך אַהין און אהער און מאכנדיק האוואיעס אזוינע, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פון זיינע עלטערן. א מאָדנע גיינגל איז עס, אָבער יעדער טריט איז אזוי באַרעכנט און באמאסטן, אז דער מאנגוס קאָן אַלעמאָל אַ שפּרונג־טאָן אין וואָסער ריכטונג ער וויל נאָר. אין שלאכט מיט די נאגן איז דאָסדאָזיקע מאַנעוור־טאנצעניש אויסערסט וויכטיק.

ריקי־טיקי האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, מיט וואָס פאר א געפערלאכן סוינע ס׳שטייט אים פאר מילכאמע־האלטן. קאראיט איז קליין און רירעוודיק, באוועגט זיך אונגעהייער שנעל, און ווען דער מאנגוס כאפּט זי ניט אָן מיט די ציין באם רוקן, קאָן מען זיכער זיין, אז זי וועט אים א ביס טאן אין ליפּ אדער אין אויג.

ריקי ווייסט דאָס ניט. מיט בלוט־רויטע אויגן שלײדערט ער זיך הין און הער און קוקט־אויס, וואו בעסער אָנכאפּן דאָס שלייגגל. פלוצים האָט קאראַיט

זיך אַ וואָרף געטאָן אַף אים. ריקי־טיקי שפּרינגט אָפּ אין אַ זייט און לאָזט זיך לויפן, אבער דאס מיעסע שליינגל האט זיך איינגעביסן אין זיין רוקן. האָט ער זיך איבערקוליעט אינדערלופטן, און דער שליינגלס קאָפּ האָט זיך געטראָפן מיט זיינע פּיאַטקעס.

דערווייל האָט טעדי געמאַכט אַ ליאַרעם:

— קומט נאַר, זעט! אונזער מאַנגוס איז אַף אַ שלאַגג באַפאַלן!

אין הויז איז געוואָרן אַ טומל. דער פאָטער איז אַרויס מיט אַ שטעקן אין האַנט. אָבער ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דאָס שליינגל איז צו־ווייט פאַר־לאָפן פאַראויס, איז ריקי־טיקי גלייך אופגעשפּרונגען, האָט פאַרכאַפּט מיט די פּעדערשטע לאַפּקעס דעם שליינגלס קעפּל און האָט איר צעביסן דעם רוקן. קאַראַיט איז געבליבן געפּלעפּט.

ריקי־טיקי האָט שוין געזאָלט זיך נעמען פאַר דער סודע און אָנהויבן פונם ווידעלע, ווי דער מינהעג איז בא אַלע מאַנגוסן. ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אַז פון זאַטקייט ווערט אַ מאַנגוס פויל און אַז ער מוז דורכאויס בלייבן מונטער און רירעוודיק, קעדיי צו יעדער צייט גרייט זיין באַגעגענען זיך אין שלאַכט מיט די נאַגן. האָט ער געלאָזט דאָס שליינגל און איז אַוועק זיך וואַלגערן אַביסל אין זאַמד. ווידער איז געקומען טעדיס פאָטער און האָט גענומען שלאָגן די שלאַנג מיטן שטעקן.

— צוליב וואָס דאַרף מען דאָס? — וואונדערט זיך ריקי־טיקי — איך האָב דאָך שוין אַלצדינג אָפּגעטאָן!

ס'איז געקומען צולויפן טעדיס מוטער. זי האָט אים גענומען האַלדזן און קושן און דאַנקען, אַז דאָס האָט גאָט אַליין אים צוגעשיקט צו ראַטעווען איר טעדין פון טויט. טעדי איז געווען בלאַס, אומבאַוועגלאַך און האָט געגלאָצט מיט צעשראָקענע אויגן. ריקי־טיקי האָט ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס טומלט מען זיך דאָס אַזוי. ער האָט געמיינט, אַז דער פרוי איז שטאַרק געפעלן, וואָס ער וואַלגערט זיך אַזוי בעריעש אין זאַמד. יעדנפאַלס, איז בא אים די שטי־מונג געווען זייער אַ געהויבענע.

אפּדערנאַכט, באַם טיש, האָט ער גאַנץ היימיש ארומגעשפּאַצירט צווישן די גלעזער ווייַן. די פרוי האָט אים געלאַשטשעט. טעדי האָט אים צו זיך אַפן אַקסל געזעצט. ער האָט געקאַנט זיך אָנעסן מיט אַלערליי געשמאַקע מאַכאַלים,

נאר נאג מיט נאגאיכן זיינען אים אלץ פון קאפ ניט ארויס. פון צייט צו צייט האבן זיינע אויגן אנגעהויבן פינקלען און זיינען רויט געווארן און פון זיין ברוסט האט זיך ארויסגעריסן זיין באליבטער לוסטיקער געשריי:

— ריקי־טיקי־טיקי־טיקי־טשיק!

טעדי האט אים געגומען שלאפן צו זיך אין בעט אריין און האט נאר גע־וואלט אים באלייגן אף זיין ברוסט. ריקין האט זיך גאר ניט געגלוסט שלאפן,

ער האט אבער געגוג דערעך־ערעץ געהאט און האט זיך ניט געדראפעט און ניט געביסן — אדעראבעע, ער האט טעדין צוליב געטאן און זיך אוועקגעלייגט, וואוהין ער האט אים געהייסן. אז טעדי איז איינגעשלאפן, איז ער גלייך אופ־געשפרונגען און האט גענומען וואנדערן איבערן שטוב.

אינדערפינסטער האט ער זיך געטראפן מיט דער מוסקוט־מויז טשו־טשונדרע, וואס האלט זיך שטענדיק אין איין טוליען צו דער וואנט. טשוטשונ־דרע איז א אומגליקלאך באשעפעניש מיט א צעבראכן געמיט, נעבאך. א גאנצע נאכט קרעכצט זי און וויינט און סטארעט זיך אלץ ארויסלויפן אין מיטן צימער — און קיינמאל סטייעט איר ניט קיין מוט דערצו.

— טשעפּע מיך ניט — האָט טשוטשונדרע זיך געבעטן מיט טרערן — איך בעט דיך, ריקי־טיקי, הארגע מיך ניט!

— און דו האָסט געמיינט, אַז איך, דער שלאַנגען־כאַפּער, וועל גיין זיך פאַרנעמען מיט מייז? — האָט ריקי־טיקי זיך באַליידיקט.

— אָבער סע קאָן דאָך אַמאָל טרעפן, אַז דער שלאַנגען־כאַפּער זאָל, כאַלילע, אַליין אומקומען דורך אַ שלאַנג — האָט געיאָמערט טשוטשונדרע, — און, ווידער, האָב איך מוירע, ווער ווייס, טאָמער וועט נאַג אידערפינסטער מיך אָננעמען פאַר אַ מאַנגוס און וועט מיך הארגענען.

— דערפאַר האָסטו ניט וואָס צו מוירע האָבן — האָט געענטפערט ריקי־טיקי, — נאַג איז אין גאָרטן, און דו גייסט דאָך קיינמאָל אַהינצו ניט אַרויס.

— אין גאָרטן, זאָגסטו? מיין שוועסטער, די מויז טשואַ, האָט מיר גאָר דערציילט...

טשוטשונדרע האָט פּלוצים איבערגעריסן אירע רייד.

— וואָס האָט דיר טשואַ דערציילט?

— שש! נאַג איז אומעטום. דו וועסט שוין בעסער אַליין זיך דורכשמועסן מיט טשואַן אין גאָרטן.

— ניין, דו דערצייל מיר! אַ ניט וועל איך דיך אַ ביס־טאָן.

טשוטשונדרע האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע וואָנסן.

— איך בין די אומגליקלאַכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט. איך האָב אַזוי מוירע אַרויסלויפן אין מיטן צימער. שש! איך קאָן דיר איצט גאָר ניט דערציילן. דו הערסט דען ניט וואָס סע טוט זיך, ריקי־טיקי?

ריקי־טיקי האָט געגומען זיך איינהערן. אין הויז איז געווען שטיל ווי אַלעמאָל. נאָר אין דער שטילקייט האָט ריקי־טיקי דערהערט עפּעס אַ שוואַכן גערויש, אַ שטיל קרעכצן, אַט ווי דאָס שוואַכע זשוזשען פון אַ פליג איבער אַ טאַפּלי. ער האָט גלייך דערקאַנט, אַז דאָס רוישן עס די ליסקעס פון אַ שלאַנג איבער דער שטיינערנער וואַנט.

— דאָס איז נאַג אָדער נאַגאיכע — טראַכט זיך ריקי־טיקי — זיי דראַפּן זיך עס אַוואַדע אין וואַש־צימער אַריין דורך די וואַסער־רערן. טשוטשונדרע איז גערעכט — מע דאַרף זיך דורכשמועסן מיט טשואַן.

IV

ריקי־טיקי איז שטילערהייד אריין אין טעדיס וואש־צימער, נאר ער האט דארט קיינעם ניט געטראפן. דאן איז ער אוועק אין דער פרויס וואש־צימער. אינם דאזיקן צימער איז אונטן בא דער וואנט געווען דורכגעמאכט א לאך, דורך וועלכער סע פלעג ארויסרינען אין דרויסן ארויס די וואסער פון וואנע.

ריקי־טיקי האט אנגעשטעלט די אויערן. דורכן כאלעל פון די וואסעררערן האט ער דערהערט, ווי נאג מיט נאגאיכען שעפטשען זיך פון יענער זייט וואנט.

— אז דאס הויז וועט פוסט ווערן, — שעפטשעט נאגאיכע צו נאגן און רוישט מיט די ליסקעס, — וועט ער אויך אוועק פון דאנען, און דענסטמאל וועלן מיר ווידער, ווי פריער, בלייבן אליין די הערשער איבערן גארטן. גיי־זשע גיכער און געדיינק, אז צום אלעם ערשטן דארף מען פאטערן דעם הויכן מענטשן, וואס האט געהארגעט קאראיטן. נאכדעם זאלסטו גלייך ארויסקומען צו מיר, און מיר וועלן ביידע זיך נעמען פאר ריקי־טיקין.

— פארוואס־זשע מיינסטו, אז ווען מיר וועלן פון די מענטשן פאטער ווערן, וועט אונז שוין אזוי גוט ווערן?

— פארשטייט זיך! געדיינקסט דען ניט? — ווען דאס הויז איז פוסט געווען, זיינען גאר קיין מאנגוסן אין גארטן ניט געווען, און דער גארטן איז אינגאנצן אין אונזער רעשוס געווען. פארגעס נאר ניט, אז גאר אינגיכן, היינט־מארגן, פיקן זיך אויס אונזערע אייעלאך, וואס ליגן באהאלטן אף דער מעלאנען־בייט. פאר אונזערע קינדער וועגן מוזן מיר דאך האבן א גרוים און רואיק ארט.

— טאקע, דאס איז מיר גאר פון זינען ארויס — האט נאג געזאגט, — יא, איך גיי שוין. איך מיין נאר, אז מיט ריקי־טיקין וועט אונז שוין בעמיילע ניט אויסקומען זיך צו פארנעמען. אן די מענטשן וועט ער סיי־ווי דא ניט בלייבן.

ריקי־טיקי האט זיך איינגעהערט אינם דאזיקן שמועס און האט אזש אָנ־געהויבן ציטערן פאר קאס. נאר אט האט זיך באוויזן נאגס קאפ און דערנאך זיין לאנגער קאַלטער קערפער. א שרעק איז באפאלן ריקי־טיקי, ווען ער האט דערזעען דידאָזיקע גרויסע קאברע. נאג וויקלט זיינע רינגען און באטראכט דעם וואש־צימער. ריקי־טיקי הערט זיך צו צום גערויש פון זיינע ליסקעס און קוקט זיך איין אינם גלאנץ פון זיינע אויגן.

— זאָל איך זיך איצט שוין נעמען צו אים? — באַקלערט זיך ריקי־טיקי, — ווען נאַגאַיכע געוואָרע ווערן. וואַרטן אָבער טאָר מען אויך ניט: איצט איז זייער אַ גוטע געלעגנהייט. וואָס־זשע טוט מען?

נאָג רירט זיך פּאַמעלאַך, מיט שטילן געררויש. פּלוצים, דערהערט ריקי־טיקי, האָט ער גענומען לעקן די וואַסער פון קרוג, וואָס איז געשטאַנען אין וואַש־צימער.

— אַלץ גייט אַזוי, וואָס מע דאַרף ניט בעסער — צישעט דער שלאַנג. — ווען דער גרויסער מענטש האָט געשלאָגן קאַראַיטן, האָט ער געהאַלטן אין איין האַנט אַ שטעקן; עפּשער האַלט ער איצט אויך דעם שטעקן, וועל איך בעסער אים אָפּוואַרטן דאָ ביז אינדערפרי, ווען ער וועט קומען אַהער זיך וואַשן און וועט מיט זיך קיין שטעקן ניט האָבן. הערסטו, נאַגאַיכע, וואָס איך זאָג? — נאָר נאַג'איכע האָט זיך ניט אָפּגערופן.

„זי איז מיסטאָמע אַוועקגעגאַנגען“ — טראַכט זיך ריקי־טיקי.

נאָג האָט זיך אַרומגעוויקלט מיט זיינע רינגען אַרום קרוג. ריקי־טיקי איז אַלץ געזעסן הינטער דער וואַנע, שטיל און אומבאַוועגלאַך. אַזוי האָט געדויערט אַ שאָ צייט. נאָג האָט דערוויייל איינגעדרימלט. דעמאָלט האָט ריקי־טיקי גענומען רירן זיין קערפּער, שטיל, פּאָרזיכטיק און איינגעהאַלטן, אַלץ נעענטער צום קרוג. ער באַטראַכט נאָגס גוואַלדיקן רוקן און זוכט אַן אָרט, וואו איינצובייסן זיך מיט די ציין.

— ווען מיר מיט איין שפּרונג, — טראַכט ריקי־טיקי — ניט געלונגען צעבייסן אים דעם רוקן, וועט ער זיך שלאָגן, און אויב שלאָגן, איז — אוי, ריקי!

ער האָט זיך אָנגעמערקט אַן אָרט אויפן האַלדז, נידעריקער אַביסל פונעם מיצל. אָבער — ניין! צו דיק איז ער, דער האַלדז, דאָ קאָן מען דורכפאַלן. וואָס־זשע דען? — עפּשער נידעריקער אַביסל, צום עק צו? דאָס טויג אָבער אויך ניט. צערייצן דעם שלאַנג, ניט מער — וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

בלייבט נאָר איין אייצע — די קאָפּ, — האָט סאָפּקאָלסאָף באַשלאָסן ריקי־טיקי, — דאָרט וואו דאָס מיצל הויבט זיך אָן, עטוואָס העכער. שטעקסטו אַריין אַהין די ציינדלאַך — איז גוט, וועסטו שוין אין קיין פאַל ניט אָפּלאָזן.

ריקי־טיקי שטייט שוין אויף דער ערד און קוקט אויף דער שלאַנג, ווי ער האַלט אויסגעצויגן די קאָפּ, אַביסל אין אַ זייט פונעם קרוג, פונקט אונטערן פּיסקל. ער האָט אַ שפּרונג־געטאָן. אַ קלונג מיט די ציין — און זיי שטעקן שוין

אין דער קאַבּרעס קאָפּ, און מיטן רירעוודיקן קערפּער זײַנעם שפּאַרט ער זיך אָן אין די ראַנדן פֿונעם רויטן ערדענעם קרוג. מער ניט ווי איין אויגנבליק האָט ער אויסגעשפּילט, אָבער ער האָט אים אויסגענוצט ווי ער האָט נאָר געקאָנט.

דער שלאַנג האָט גענומען וואַרפֿן און שליידערן זיך אין אַלע זײַטן. ער שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ, מאַכט קרײַזן אײַנדערלופֿטן, שליידערט ריקי־טיקין אָן דער וואַנט, אָן דעם דיל, אָן די שאַרפֿע שפּיצן פֿון דער וואַנע, צע־וואַרפֿנדיק אַלע קיילים איבערן וואַש־צימער — בערשטלאַך, טאַזן, זייף־פּושקע־לאַך. ריקי־טיקי אָבער, מיט בלוט־רויטע אויגן, האַלט זיך שטאַרק אָנם סוינעס קאָפּ און דריקט צונויף די ציין אַלץ פֿעסטער און פֿעסטער. זײַן קערפּער איז צעביילט און צעבלוטיקט, ער איז זיכער, אַז אָט באַלד קומט שוין דער טויט, אָבער נאָגן לאָזט ער ניט אָפּ — דאָ איז געגאַנגען איבער קאָוועד פֿונעם גאַנצן שייוזעט מאַנגוסן און אין זייער שטרײַנגן געבאָט: דעם טויט באַגעגענען מיט צעגויפֿגעדריקטע ציין.

דער קאָפּ דרייט זיך אים, סע נודעט אים אָפּן האַרצן און ער פֿילט זיך צעבראָכן אויף שטיקלאַך.

פּלוצים האָט ער דערהערט אַ קנאַל ווי אַ דונער. אַ הייסער שטראָם האָט אים אַרומגעכאַפּט, עפּעס אַ רויטער פֿײַער האָט אים אַ בּרי געטאָן און ער איז געפֿאַלן כּלאָשעס. דאָס איז דער הויכער מענטש, אויפֿגעוואַכט פֿונעם ראַש אין וואַש־צימער, געקומען צעלויפֿן מיט דער ביקס און האָט אויסגעשאָסן אין נאָגן גלײַך אין האַלדז אַרײַן.

ריקי־טיקי דריקט נאָך אַלץ מיט די ציין דעם שלאַנגס קאָפּ, נאָר די אויגן זײַנע זײַנען פֿאַרמאַכט, ווײַל ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין געשטאָרבן. דער שלאַנג איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונגען. דער הויכער מענטש האָט אויפֿ־געהויבן ריקי־טיקין און האָט געזאָגט:

— אָט דאָס כּאיעלע האָט אונדז היינטיקס מאָל פֿון טויט מאַצל געווען.

א בלייכע איז טעדיס מוטער אַרײַנגעקומען און האָט באַטראַכט דעם טויטן שלאַנג. ריקי־טיקי האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס און איז פּאַמעלאַך צוגעגאַנגען צו טעדיס בעט, און אַזוי איז ער שוין דאָרט ליגן געבליבן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפֿן און געדרייט. ער האָט געוואָלט וויסן, צי איז ער טאַקע אויף שטיקלאַך צעריסן, צי סע האָט זיך אים נאָר אַזוי אויסגעדוכט.



אף מאָרגן אינדערפרי האָט ריקי־טיקי זיך נאָך אלץ געפילט צעבראכן, אפן האַרצן אָבער איז אים געווען פריילאך.

איצט בלייבט נאָך נאגאיכע — טראכט ער זיך. — זי איז אָבער צען מאָל שטארקער און געפערלאכער פון נאגן. יאָ, איך מוז נאָך מאכן א טאָלק מיט די אייעלאך אירע, וואָס זי האָט געזאָגט. אויב זיי וועלן זיך אויספיקן — איז שלעכט. וואו־זשע געפינט מען זיי? אַ־אַה! מע דאַרף זיך דורכגיין צו דארזין דעם שניידער־פויגל, ער מוז דאָס וויסן.

פאר פרישטיק נאָך איז ריקי־טיקי אַוועקגעלאָפן און האָט אופגעזוכט דארזין. דארזי איז געווען אַ פויגל אַ פלאפלער, אַ לייכטזיניקער און זארג־לאָזער. ער איז זיך געזעסן אַף זיין דאָרן־צווייגל און געזונגען אַ לויב־געזאַנג ריקי־טיקין, זיין גוואורע און העלדישקייט. אַלע אין גאָרטן האָבן שוין געוואוסט וועגן נאגס טויט — זיין קערפער איז שוין פאר אלעמענס אויגן געליגן אף דער קופּע מיסט.

— אַך, דו נארישער פלידערוויש! — זידלט אים ריקי־טיקי. — טאקע געפונען אַ צייט איצט צו זינגען!

דאַרזי אָבער זינגט זיך ווייטער:

וועגן ריקיס מוט און וואגן,
וועגן מיעסן סאָף פון נאגן,
זון פון בייזע קאָברעס־שלאנגען,
וועל איך זינגען היינט געזאַנגען,
ווי באָם וואש־צימער ער לויערט,
בא דער לאָך, אין דיל געבויערט,
הויכע מענטשן צו באַפאלן,
פויגל־פריינט פארניכטן אלע.
קנאלט און דונערט לאַנגער שטעקן,
ריקי־טיקי בייסט זיין נאַקן,
איז אף שטיקלאך נאג צעריסן, —
זאָלן שוין די קאָברעס וויסן...

— טאַקע עמעס, — זאָגט ריקי־טיקי, — וואָס זשע טוט מען אָבער מיט נאַגאיכן? עפּשער ווייסטו וואו זי איז ערגעץ?

ער קוקט זיך פאָרזיכטיק ארום. און דארזי זינגט זיך זיינס:

— נאַגאַיכע קומט אים רופן פון וואַש־צימער ארויס,
קערט אים גאָר דער לאנגער בעזים אויס,
איצט ליגט שוין נאג אין קופּעס מיסטן.
זאָלן פויגל־נעסטן אלע וויסן
וועגן ריקין, אונזער העלד,
זיינע דראַכים,
זיינע שוואָכים
איבער גאָר דער וועלט.—

ריקי־טיקי ווערט בייז:

— אָט וועל איך דיר באווייזן! איך וועל צוקומען צו דיין נעסטל און וועל דיך מיט דיינע אויפעלאַך אַף שטיקלאך צעפּליקן! אף אלצדינג דאַרף זיין אַ צייט. דיר איז גאָרניט — זיצסט זיך דאָרט אינדערלופטן און פלוידערסט דיינע נארישע לידלאך, און מיר שטייט נאָך פאָר א גרויסע מילכאָמע. הער זשע אוף זינגען, דארזי, אף איין רעגעלע כאָטש.

— ריקי־טיקי, דו ביסט גרויס און אלמעכטיק, און איך בין גרייט צו דער־פילן דיין מינדסטן באגער, — ענטפערט דארזי. — זאָג, וואס איז דיין באפייל?

— איך פרעג דאָך דיך — וואו איז נאגאיכע?

— נאגאיכע איז אף דער מיסט־קופּע, הינטער די פערד־שטאַלן. זי באַוויינט, נעבאך, איר נאגן מיט ביטערע טרערן — אָ, גרויסער און בארימטער ריקי! דער גלאנץ פון דיינע ווייסע ציין איז געגליכן...

— לאָז צו רו מיינע ציין, — רייסט אים איבער ריקי־טיקי, — עפּשער ווייסטו, זאָג מיר, וואו זיינען ערגעץ נאגאיכעס אייעלאך?

— אייעלאך? דארט אף דער מעלאָנען־בייט, אין סאָף גאָרטן, הארט בא דער וואנט, וואו די זון באקט א גאנצן טאָג. שוין א לאנגע צייט ליגן זיי דאָרט אין דער ערד באהאלטן.

— טאַקע! וואָס זשע פלוידערסטו און דערציילסט מיר גאָרניט? — אין סאָף גאָרטן, זאָגסטו?

— ריקי־טיקי, ווילסט דען אופעסן די אייעלאך? — פרעגט דארזי פארלעגן.

— טאקע ניט געטראָפן. גאָרניט דאָס מיין איך. ווען דו זאָלסט האָבן כאָטש א שטיקל קלעפּקע אין קאָפּ, דארזי, וואלסטו מיך געפאָלגט און גלייך אַוועקגעפלויגן צו דער פערדן־שטאָל. מאך אן אָנשטעל, אז סע איז בּא דיר צעבּראָכן א פליגל. נאגאיכע וועט זיך נאָך דיר נאָכיאָגן, און איך וועל דער־וויל צוקומען צו דער מעלאָנען־בּייט. איך דארף דאָרט עפּעס האָבּן.

דאַרזי איז געווען ניט נאָר אַ לייכטזיניקער, נאָר אויך אַ קליין־קעפּלדיקער פויגל. פון אייז׳לאך, האָט ער געוואוסט, פּיקן זיך אויס קינדערלאך, און קינ־דערלאך זיינען אים אזוי ליבּ און טייער. ווי־זשע קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז דער העלד ריקי־טיקי זאָל גאָר וועלן פאַרניכטן אייעלאך? דארזיכע אָבּער איז געווען קלוגער אביסל און האָט געוואוסט, אז אייעלאך פון א קאברע און שליינגעלאך איז אלץ איין זאך. איז זי באלד אוועקגעפלויגן, און דארזין האט זי איבערגעלאזט בּא דער נעסט אכטונג געבּן אף די פייגעלאך. ער איז געווען ניט ערגער פון אלע אנדערע מאַנען.

ניט ווייט פון דער מיסט־קופּע, בּידעריק, קימאט בּא דער ערד האָט דאר־זיכע גענומען אומפליען און קרעכצן:

— אַך, מיין פליגל! דאָס אינגעלע האָט געוואָרפן אַ שטיין און האָט מיר צעבּראָכן דעם פליגל. מיין צעבּראָכענער פליגל! אַך, מיין פליגל!

נאגאיכע, וואָס איז געליגן אין מיסט־קופּע, האָט זיך אומגעקוקט אף איר.

— דיין פליגל, זאָגסטו? אָ, איצט וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען! דאָס האָסטו אויסגעזאָגט ריקי־טיקין, אז איך האָבּ אים געוואָלט הארגענען? איצט האָסטו זיך געפּאקט צו מיר מיט דיין צעבּראָכענעם פליגל.

און זי האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו דארזיכען.

— אַך, מיין פליגל! דאָס אינגעלע האָט מיר צעבּראָכן דעם פליגל, — קרעכצט אלץ דארזיכע און פליט־אָפּ אַבּיסל ווייטער.

— דאָס אינגעלע, זאָגסטו? אויסגעצייכנט! איך קאָן דיך טרייסטן, אז מיטן אינגעלע וועל איך זיך אויך אָפּרעכענען גאָר אינגיכן, גאָר אינגיכן. אָ, מיין נאג ליגט אין מיסט און איז טויט, אָבּער איך וועל שוין זיך נויקעם זיין פאר אים. וואָס־זשע אַנטלויפסטו פון מיר? אומזיסט דיין טירכע — סיי־ווי־סיי וועל איך דיך דעריאָגן. טו נאָר אף מיר אַ קוק, נארעלע!

אָבער דאַרזיכע האָט גוט געדיינקט, אַז ווען אַ פויגעלע גיט אַ קוק אַ שלאַנג אין די אויגן, בלייבט עס באַלד געפּלעפט פון שרעק און קאָן זיך שוין פון אָרט ניט רירן. דעריבער האָט זי זיך אַף נאַגאַיכען ניט אומגעקוקט. קרעכצנדיק איז זי געשפּרונגען אַלץ ווייטער און ווייטער, און נאַגאַיכע האָט זיך נאָך איר נאָכגעיאָגט — וואָס ווייטער, אַלץ שנעלער.

דערווייל האָט ריקי־טיקי דערהערט, אַז נאַגאַיכע האָט אָפּגעטראָטן פון דער פערדן־שטאַל, איז ער באַלד אַוועק צו דער מעלאָנען־בייט. דאָרט האָט ער געפונען אין צעפּרייטן מיסט אַף אַ שטרוי־איבערבעט קונציק באַהאַלטן פינף און צוואַנציק אייעלאַך, באַצויגן מיט אַ ווייכן ווייסלאַכן הייטל, נאָך אָן אַ שאָלעכץ.

— פונקט צו דער צייט געטראָפן, — טראַכט זיך ריקי־טיקי — ווען איך פאַרשפּעטיק נאָר אַף איין־איינציקן טאָג, וואָלטן די שליינגלאַך זיך אויסגעפּיקט פון די אייעלאַך.

דורך די דינע דורכזיכטיקע הייטלאַך האָבן זיך אַרויסגעזען קליינע צענויפּגעוויקלטע שליינגלאַך. דידאָזיקע שליינגלאַך, האָט געוואוסט ריקי־טיקי, באַלד ווי זיי קריכן נאָר אַרויס פון די אייעלאַך, קאָנען זיי שוין מאָרדן אַ מענטשן אָדער אַ מאַנגוס. האָט ער ניט געמאַכט קיין שיעס און גיך גענומען אויסראָטן

די אייעלאַך איינס נאָכן אַנדערן. ער בייסט מיט די ציין און סטאַרעט זיך דער־לאַנגען וואָס טיפער, ביז צו די שלייַנגלאַך; לאָזט אָפּ און זוכט ווידער אין מיסט — ניט צו פאַרזעען, כאַלילע, קיין אייעלע ערגעץ. אָט באַלד, און ריקי־טיקי וואָלט שוין געפּייַערט זיין צווייטן ניצאָכן איבער די נאַגן — נאָך דרײַ אייעלאַך איז אים סאַכאַקל געבליבן אויסצוראָטן.

פלוצים איז אונטערגעפלויגן דאַרזיכע אַ צעשראָקענע מיט אַ געפּילדער:

— אוי, ריקי־טיקי, לויף נאָר גיכער! ראַטעווע! איך האָב פאַרנאַרט נאַג־איכען פון דאַנען צום הויז צו, איז זי פלוצים פאַרקראָכן אַף דער וואַרענדע און וויל דאָרט די מענטשן מאַזיקן. אוי, ריקי־טיקי, גיכער, גיכער!

VI

ריקי־טיקי האָט מיט איין גאַנג צעקוועטשט צוויי אייעלאַך און מיטן דריטן אין די ציין האָט ער זיך געלאָזט לויפן פייל־אויס־בויגן צו דער וואַראַנדע. טעדי און זיין פּאָטער און מוטער זיינען געזעסן אַרום טיש מיט בלאַסע פּענימער, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, דערשראָקענע אַף טויט. אַף דער ערד, נעבן טעדיס ביינקל, באַ זיין נאַקעטן פוס איז געליגן נאַגאַיכע און האָט בייז און שפּאָטיש געצישעט:

— זון פון הויכן מענטשן, וואָס האָט געטויט מיין נאַגן! זיץ און דערוועג זיך ניט אַ ריר טאָן פון אָרט. ווערסט עמעצער פון אייך זיך אַ ריר טאָן — וועל איך אָט דעם נאַקעטן פוס אַ ביס־טאָן. וועט איר זיצן אַלע אומבאַוועגלאַך — וועל איך אַלץ איינס אים אַ ביס טאָן. ווײַ איז צו אייך, נאַרישע מענטשן, וואָס האָבן מיין נאַגן געטויט.

אומבאַהאַלפן קוקט טעדי אַפן פּאַטער, און יענער שעפּטשעט קאָם שטי־לערהייד: זיץ, טעדי, און ריר זיך ניט פון אָרט. איך בעט דיך, ריר זיך ניט!

אין דערזעלבער רעגע איז אַרייַנגעשפּרונגען אַף דער וואַראַנדע ריקי־טיקי און האָט אַ געשריי־געטאָן:

— ריקי־טיקי־טיקי־טשיק! קוק זיך אום, נאַגאַיכע! קערעווע זיך נאָר אויס צו מיר און קום זיך שלאָגן!

— מיט דיר וועל איך זיך שוין שפּעטער צערעכענען — האָט גע־ענטפערט נאַגאַיכע, ניט אומגעקוקט זיך און ניט אַראָפּגעלאָזן איר בליק פון

טעדיס פוס, — טו נאר אַ קוק, ריקי־טיקי, אַף דיינע פריינט, ווי זיי זיינען בלאָס, דערשראָקן און צעטומלט געוואָרן פון פּאַכעד, ווי זיי דערוועגן זיך ניט אַ ריר טאָן פון אָרט. טוסטו נאָר איין טראָט, ריקי־טיקי — און דיין יונגער פריינט וועט צעביסן ווערן אַף טויט!

— עפשער וועסטו אַ באַלן־זיין, נאַגאַיכע, כאַפּן אַ קוק אַף דיינע אייעלאַך פון דער מעלאָנען־בייט, וואָס באַם וואַנט? — האָט געזאָגט ריקי־טיקי.

די שלאַנג האָט עטוואָס אויסגעדרייט די קאָפּ און האָט דערזען אַף דר׳ערד דאָס אייעלע.

— אַך! — האָט זי אויסגעשריגן ניט מיט איר קאָל — גיב עס מיר אָפּ!

ריקי־טיקי האָט אַוועקגעלייגט דאָס אייעלע צווישן די לאַפּקעס, און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— וואָס־זשע וועסטו מיר גיבן פאַר דעם אייעלע, נאַגאַיכע? — פאַר דעם יונגן שליינגל, דעם איינציקן, דעם סאַמע לעצטן יורעש דיינעם? — ווייל אַלע איבעריקע אייעלאַך דיינע פּיקן שוין די פויגלען דאָרט אַף דער מעלאָנען־בייט.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט די שלאַנג זיך אויסגעקערעוועט צו ריקי־טיקין. דער מענטש האָט דערוויילע אָנגענומען טעדין פאַרן אַקסל און האָט אים אַוועקגעזעצט אַף יענעם זייט טיש, ווייט פון נאַגאַיכען.

— ריקי־טיקי־טיקי־טשיק! ניט באַשערט! — האָט זיך ריקי־טיקי צעלאַכט. — טעדי איז אויסער געפאַר. אָט בין איך, ריקי־טיקי — דער, וועלכער האָט היינט אינדערפרי געטויט דיין נאַגן אין וואַש־צימער. צעביסן אים דעם האַלז — און פאַרטיק.

ער שפרינגט־אום אַף אַלע פיר פיסלאַך, וואַרפט זיך אין אַלע זייטן און האַלט דערביי דעם קאָפּ נאָענט צו דער ערד און שמועסט ווייטער:

— נאַג האָט מיך געשליידערט און געוואָרפן אין אַלע זייטן און האָט מיך אָבער ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפן. איך האָב אים דאָך געטויט — פריער נאָך, איידער ס׳איז געקומען דער מענטש מיט דער ביקס. קום־זשע נאָר אַהערצו נעענטער, נאַגאַיכע, קום זיך שלאָגן!

— גיב מיר אָפּ מיין אייעלע, מיין לעצט אייעלע — בעט זיך ראַכמים נאַגאַיכע. — דענסטמאָל, גיב איך דיר מיין וואָרט, וועל איך אוועקגיין פונדאַנען און מער שוין קיינמאָל אַהער ניט קומען.

— ניין, ס'וועלן דיר ניט העלפן קיין טיינעס. אלצאיינס וועסטו ניט קומען — אין מיסט וועסטו ליגן, באגלייך מיט נאגן. קום זיך שלאגן!

אין זיינע אויגן ברענען פייערלאך. ער שפרינגט ארום דער שלאַנג, דער־בײַ איז ער פאַרזיכטיק און האלט זיך פון איר פונדערווייטנס.

נאגאיכע קייטלט אירע רינגען, וויקלט אוף און פאַרוויקלט זיי און לאָזט זיך אלעמאָל אף ריקי־טיקין, און יענער שפרינגט הין און צוריק און מיידט געשיקט אויס אירע קלעפּ. ווידעראַמאָל דאס זעלבע — די שלאנג וואַרפט זיך און שליידערט זיך, צעוויקלט און פאַרוויקלט זיך, און טרעפט אלע מאל מיטן קאָפּ אין דיל, און קייטלט זיך ווידער צונויף. ריקי־טיקי שפרינגט אינדערלופטן און פראַוווט ארומגיין נאגאיכן אונטן ארום. אבער די שלאנג איז פלינק, יעדן אויגנבליק — א קער און א דריי, און צילט אַלץ צו טרעפן זיך קאָפּ צו קאָפּ מיט ריקי־טיקין. אירע באוועגונגען זיינען שנעל און האסטיק און זייער גערויש דערמאנט אין א ווינט, וואס בלאָזט איבער א הויפן פאַרטרוקנטע בלעטער.

ריקי־טיקי האָט גאָר פאַרגעסן אָן דעם אייעלע, וואָס איז אַלץ געליגן אַף דר'ערד, און גראד אין דער רעגע, ווען ער האָט אָפּגעאָטעמט, האָט די שלאנג עס אריינגעכאַפּט אין מויל אַריין און געלאזט זיך לויפן איבערן גאָרטן. ריקי־טיקי האָט זיך געלאָזט נאָך איר.

אָ, ער מוז זי איינמאָל פאַר אַלע מאָל כאַפּן, אַניט וועט אויסקומען אָנ־הויבן אַלצדינג פון ס'נײַ.

נאגאיכע איז אריין אין הויכן גראז, וואס באם דאָרן־קוסט, ניט ווייט פון דארזיס נעסט.

דער לייכטזיניקער שניידער־פויגל האָט נאָך אַלץ געפּלוידערט זיינע לידלאַך. זיין פרוי אָבער, די קלוגע דארזיכע, האָט באצייטנס באמערקט דאָס גע־יעג, האָט זי זיך באלד אַ לאָז געטאָן, צעלאָזט די פליגל און פאַרטשעפּעט מיט איינעם פון זיי נאגאיכען באם קאָפּ. דארזי האָט נאָך באַדאַרפט קומען צו הילף, וואלט די שלאנג געמוזט אָפּקערעווען אין א זייט. איז ער אָבער אַלץ געווען פאַרנומען מיט זיינע לידער און האָט גאָרניט געהערט און גאָרניט געזען. האָט די קאָברע אָנגערוקט דאָס מיצל און איז אוועק אין איר וועג. זי האָט זיך דאָך עטוואס פאַרזאמט, איז דערווייל אָנגעלאָפן ריקי־טיקי — פונקט אין

דער רעגע, ווען די שלאַנג האָט אַרײַנגעשלײַכט אין נאָרע אַרײַן, — און האָט זיך אײַנגעביסן מיט זײַנע ווײַסע צײנדלאַך אין איר ווײדל.

ריקי־טיקי האָט אין זײַן שטרײַט מיט די נאַגן קימאַט איבערגעשטיגן אַלע מאַנגוסן, ווײַל זעלטן טרעפט זיך, אַז אַפילע אַן עלטערער און געניטער מאַנגוס זאָל זיך דערוועגן איבערטרעטן די שוועל פון דער קאָבראַס נאָרע.

די נאָרע איז געווען אַ פינסטערע און אַ גליטשיקע, מיט פאַרבאָרגענע לעכער און קרומע שטעגלאַך. אָבער ריקי־טיקי האַלט פעסט די שלאַנג מיט די צײנדלאַך בײַם ווײדל, מיט די לאַפּקעס שפּאַרט ער זיך אָן אין דער פײַכטער ערד און לאָזט זיך איר ניט רירן פון אָרט.

אַז ריקי־טיקי איז פאַרשוואונדן, און דאָס הויכע גראָז בײַ דער נאָרע האָט אויפגעהערט זיך צו הוידען, איז דאַרזי שוין זיכער געווען, אַז ער איז אומגעקומען. האָט ער גענומען יאָמערן און קלאָגן:

— ווײ צו אונז! ניטאָ שוין ריקי, אונזער העלד און באַשיצער. אַ קלאָג צו אונז! אומגעקומען איז ער דורך נאַגאַיכן דער ראָשעטע.

זײַנע ווײנענדיקע טרעלן האָבן זיך צעגאָסן איבערן גאָרטן. דאָס איז געווען די טרויעריקסטע ליד, וואָס ער האָט געזונגען זינט זײַן לעבן.

פּלוצים האָט ווידער זיך צעהוידעט דאָס הויכע גראָז בײַ דער נאָרע און ס'האָט זיך באַוויזן ריקי־טיקי, אַ מידער, אַ פאַרשטויבטער. מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער אַרײַנגעקומען אין גאָרטן און האָט גענומען זיך ציען און טרײַסלען און באַלעקן דאָס פּיסקל. ער האָט אַ ניס-געטאָן און געזאָגט:

— פאַרטיק! נאַגאַיכע וועט מער שוין אַהערצו קײנמאָל ניט קומען.

די פײגעלאַך האָבן דאָס דערהערט און זײַנען זיך צענויפגעלאָפן צו נאַגאַיכעס נאָרע באַטראַכטן איר בײז־וואונדער.

ריקי־טיקי האָט זיך אַוועקגעלײגט אויפן גראָז, האָט זיך אײַנגענורעט און איז אַנשלאָפן געוואָרן. ער איז געווען זײער מיד און איז געשמאַק אָפּגעשלאָפן ביז אָפּדערנאַכט.

אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געהײסן דאַרזין באַפוילן דעם גריל ער זאָל אויסרופן איבערן גאָרטן, אַז מער איז שוין ניטאָ קײן נאַגן אויף דער וועלט.

דער גריל איז א פייגלע אזאַ, וואָס האָט א קאָל ווי קופּער־קלאַנג, און דערפאר ליגט אף אים דער כויוו אויסרופן און דערציילן אַף דער סוויווע וועגן אלע געשעענישן און לעצטע נייסן.

— דינג־דאָנג־טאָק! — קלינגט דער גריל, — נאָג איז געשטאָרבן — דינג, נאגאיכע אויך — דינג־דאָנג־טאָק!

די פויגעלאך האָבן דערהערט די פריילאַכע בסורע און האָבן אָנגעהויבן פּישטשען און זינגען פאר גרויס סימכע. אַפילע די פרעש האָבן פריילאך גע־קוואָקעט, ווייל אַלע—אַלע האָבן זיי שטאַרק געליטן פון די רעשאָאים די נאגן.

ריקי־טיקי איז אוועק צום הויז.

די מענטשן זיינען אים ארויס אנקעגן — טעדי, מיט זיין טאטן, מיט זיין מאמען. זיי האָבן אים באגעגנט מיט גרויס פרייד און מיט גרויס דאנקבאר־קייט, וואָס ער איז לעבן געבליבן און האָט זיי פון טויט מאצל געווען. טעדיס מאמע איז געווען זייער בלאס, ווייל מע האט זי נאָר וואָס אופגעמונ־טערט פון כאלאָשעס.

מע האָט אים דערלאנגט א גוטע וועטשערע. ער האָט זיך אָנגעגעסן וויפל ער האָט נאָר געקאָנט און איז אוועק צו טעדין אין בעט שלאָפן.

שפּעט אָפדערנאכט, אז דער מאן מיט דער פרוי זיינען אריינגעקומען צו טעדין אין צימער, האָבן זיי ווידער געטראָפן ריקי־טיקין ליגן בא טעדין אפן קישן.

— ער האָט אונז געראטעוועט פון זיכערן טויט, ער האָט אונז אלעמען געראטעוועט — מיך און דיך און טעדין, — האָט געזאָגט דער מאַן.

ריקי־טיקי האָט זיך אופגעכאפּט און איז אופגעשפרונגען, ווייל א מאנגוס האָט זייער א גרינגן שלאָף.

— אָ, דאָס זיינט איר, — האָט ער געזאָגט. — וואָס־זשע ווילט איר נאָך? די קאָבּרעס זיינען דאָך שוין ניטאָ. אויב אנדערע וועלן זיך דערוועגן קומען אַהערצו — איז בין איך דאָך דאָ.

ריקי־טיקי האט געמעגט בא זיך גרויס זיין מיט זיינע מייסים, נאָר ער איז בעטעווע ניט געווען קיין גאדלען, איז ער ווי אַן עמעסער מאנגוס אויך אַף ווייטער געבליבן לויפן און שפּרינגען און באהיטן דאָס הויז און דעם גאָרטן מיט זיינע ציין און נעגל.

פון דעמאָלט אָן האָט קיין קאבּרע ניט דערוועגט זיך באווייזן אין גאָרטן.